בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת דברים תשע"ז | שבת חזון | גליון 371 [שנה ח']

**סמיכות פרשת דברים צו פרשת מסעי**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף: (א א) צו פארשטיין די סמיכות פון פרשת מסעי צו פרשת דברים, דארף מען מקדים זיין דער הייליגער אור החיים וואס פרעגט פארוואס שטייט אֵלֶּה וואס איז א מיעוט –כידוע אֵלֶּה פוסל הראשונים– און ענטפערט עטליכע תירוצים, איין תירוץ איז, ווייל ביז יעצט די פערציג יאר אין מדבר האט משה נישט גערעדט צו די אידן שטרענגער רייד נאר יעצט ביי אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר –און דִּבֶּר איז לשון קשה– ע"כ אוה"ח הק', וואס לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט ער ביז יעצט נישט געגעבן דברי תוכחה און יעצט יא? נאר מיר טרעפן אין גמ' (שבת פו:) "ובחד בשבא לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא" ווען די אידן זענען אנגעקומען צו הר סיני האט דער אויבערשטער נישט גערעדט צו די אידן דעם ערשטן טאג, ווייל זיי זענען געווען שוואך פון די וועג, ממילא קען מען זאגן אז די פערציג יאר וואס איז געווען מסעות און טרדות פון וועג, וואלטן די דברי תוכחה נישט נתקבל געווארן פאר די אידן, אבער יעצט ביי אֵלֶּה הַדְּבָרִים, האבן די אידן געקומען צו די רוה און גרייט אריינגיין אין ארץ ישראל, איז שוין געווען די פאסיגע צייט צו זאגן דברי תוכחה, דאס איז די סמיכות פון פרשת מסעי וואס איז מסעות, און נאך דעם איז אֵלֶּה הַדְּבָרִים, מוסר רייד. (תפוחי חיים פאנעט קארלסבורג)

**א ירא שמים קען רעדן מוסר**

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל: (א' א') זאגט רש"י דאס זענען רייד פון מוסר וואס משה האט געזאגט פאר גאנץ כלל ישראל. דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל און נישט אֶל יִשְׂרָאֵל? אויך כדי צו מקשר זיין סדר במדבר צו סדר דברים. דארף מען מקדים זיין וואס עס שטייט אין גמ' (ברכות ו' ע"ב) א"ר חלבו אמר רב הונא כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעין שנאמר (קהלת יב) סוף דבר הכל נשמע –וועט געהערט ווייל– את האלקים ירא –מען האט יראת שמים. וועגן דעם האט דער אויבערשטער אויסגעקליבן משה צו געבן דברי תוכחה פאר כלל ישראל ווייל די תכלית איז אז די אידן זאלן מקבל זיין די מוסר, און ווייל משה איז א ירא שמים וועט זיין דבריו נשמעין, דאס איז די סמיכות פון אֵלֶּה הַמִּצְוֹת וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' בְּיַד מֹשֶׁה אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: אז דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן די מצוות פאר משה רבינו איז נאר ווייל ער איז א ירא שמים, ממילא וועט זיין דבריו נשמעין, דעריבער אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל. ער האט גערעדט "אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל" צו גאנץ כלל ישראל ווייל דורך די דברי מוסר פון משה רבינו וועלן זיי אלע הערן און דערהערן. (חיד"א)

**אין ארץ ישראל איז קבלת התורה ברצון**

וּבַמִּדְבָּר אֲשֶׁר רָאִיתָ אֲשֶׁר נְשָׂאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא־אִישׁ אֶת־בְּנוֹ בְּכָל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הֲלַכְתֶּם עַד־בֹּאֲכֶם עַד־הַמָּקוֹם הַזֶּה: (א לא) דער פסוק איז שווער צו פארשטיין וואס איז די שייכות פון וואס זיי האבן געזען אין מדבר צו דאס וואס זיי זענען אנגעקומען אין דעם פלאץ? מען דארף מקדים זיין וואס דער הייליגע חיד"א ברענגט אין זיין ספר נחל קדומים פון רבינו אפרים אז דיווארט נְשָׂאֲךָ מיינט נישט נאר טראגן, נאר א לשון פון פארגעבן אזוי ווי עס שטייט הֲלוֹא אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת, און רש"י זאגט "שְׂאֵת" היינו "נושא עוון ופשע". און דער חיד"א לייגט צו אז דער פסוק כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא־אִישׁ אֶת־בְּנוֹ, אזוי ווי א טאטע פארגעבט זיין זון, אזוי האט דער אויבערשטער אונז פארגעבן, ווייל אידן זענען בנים למקום און אב, א טאטע, שמחל על כבודו, איז כבודו מחול, (קידושין דף לא.) יעצט שטייט אין גמ' (שבת פח.) כָּפָה עֲלֵיהֶם הַר כְּגִיגִית, אז דער אויבערשטער האט געצוואונגען די אידן צו מקבל זיין די תורה, זאגן די מפרשים ווייל כָּפָה עֲלֵיהֶם, הייסן די אידן אנוסים אין מדבר, אבער פַאר זיי וועלן אריינגיין אין א"י וועלן זיי מקבל זיין די תורה ברצון ע"כ. ממילא לויט די הקדמות איז פשט אזוי, וּבַמִּדְבָּר אֲשֶׁר רָאִיתָ, דאס וואס די אידן האבן געזען אז כָּפָה עֲלֵיהֶם הַר, ממילא זענט איר אנוסים, דעריבער אֲשֶׁר נְשָׂאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ, וועט דער אויבערשטער אייך פארגעבן וועגן אונס, אבער עַד־בֹּאֲכֶם עַד־הַמָּקוֹם הַזֶּה, דאס איז נאר ביז דא ווייל פון יעצט וועט איר מקבל זיין די תורה ברצון וועט מען שוין דארפן אפגעבן א דין וחשבון. (אוצר חיים –ישועה הלוי)

> שיינע דרוש פון בעל דברי שאול אויף הוציאנו מארץ מצרים און ביד האמורי
>
> וַתֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ בְּשִׂנְאַת ה' אֹתָנוּ הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי לְהַשְׁמִידֵנוּ. (א כז) פרעגט דער גאון ר' יוסף שאול זצ"ל, וואס איז בכלל געווען זייער טעות דא! אויב דער אויבערשטער האט זיי געוואלט פארניכטן חלילה, וועגן וואס האט ער זיי געדארפט ארויס נעמען פון מצרים און איבערגעבן צו די אמורי, ער וואלט זיי געקענט לאזן אין מצרים און דארטן פארניכטן חלילה? נאר רש"י ברענגט פון מדרש בְּשִׂנְאַת ה' אֹתָנוּ הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם – הוצאתו לשנאה היתה, דעם עצם ארויס נעמען איז געווען א שנאה ח"ו, משל למלך בשר ודם שהיו לו שני בנים, א מלך וואס האט צוויי קינדער ויש לו שתי שדות, אחת של שקיא, וואס איז גוט באגאסן פון זיך אליין, ואחת של בעל, וואס מען דארף דאס אליין באגיסן, למי שהוא אוהב נותן של שַׁקְיָא, ולמי שהוא שונא נותן לו של בַּעַל, ממילא, ארץ מצרים של שַׁקְיָא היא, שנילוס עוֹלֶה ומשקה אותה, איז דאס בעסער, וארץ כנען של בַּעַל, איז דאס ערגער, דעריבער וועגן דעם שנאה, הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם עכ"ד רש"י. פרעגט דער מזרחי עה"ת פארוואס דארף רש"י ברענגען דעם מדרש, בשעת עס שטייט אין פסוק הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי לְהַשְׁמִידֵנוּ, אז דעם ארויס נעמען איז געווען חלילה פארניכטן די אידן ביד האמורי? נאר רש"י איז געווען שווער אויב די שנאה וואלט געווען לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי לְהַשְׁמִידֵנוּ, וואלט ער געקענט דאס טאן אין מצרים! נאר די גרויסער טעות פון די אידן איז דאך געווען וַתֵּרָגְנוּ – לשון הרע, וכן (משלי יח) דברי נִרְגָּן, אדם המוציא דבה, און ביי לשון הרע איז די טבע אז מען בלאזט אויף א עובדא, ממילא די אידן האבן געזאגט די ראיה אז דער אויבערשטער האט אונז פיינט חלילה, איז ווייל ער האט אונז ארויס גענומען פון מצרים די גוטע לאנד וואס איז אליין באגאסן, און געגעבן די שוואכע לאנד, דאס אין איין טעות, און צווייטנ'ס האבן זיי געזאגט, לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי לְהַשְׁמִידֵנוּ, ער וויל זיי אויך איבערגעבן די אידן צו אמורי. קומט אוים שטייט אין פסוק צוויי טעותים, איינס הוֹצִיאָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, פון די גוטע לאנד, און די צווייטער איז לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי, אבער משה האט זיי געזאגט ווי רש"י זאגט, איר זאגט בְּשִׂנְאַת ה' אֹתָנוּ, "והוא היה אוהב אתכם" דער אויבערשטער האט אייך שטארק ליב און דעם ארויס נעמען איז געווען אייך צו געבן אסאך א בעסערע לאנד פון מצרים. (שמח זבולון עפ"י דברי שאול)

**א לימוד זכות פאר אונזער דור**

אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד. (תהלים עט ח) פרעגט הרה"ק ר' דוד מדינוב זצוק"ל וואס מיינט ווייל דַלּוֹנוּ מְאֹד דעריבער אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים? נאר עס איז ידוע די מעשה וואס די נשמות פון עולם העליון זענען געקומען צום הייליגן ר' מענדל מרימינוב זצוק"ל מיט א טענה אז היות דער הייליגע צדיק ר' מיכל מזלאטשוב זיצט אין בי"ד של מעלה און ער האט נישט פארזוכט קיין חטא ממילא פארשטייט ער נישט די זינדיגע נשמות, און ר' מענדע'לע האט געפועלט און געברענגט א דיין וואס פארשטייט דעם דור, דאס מיינט אַל תִּזְכָּר לָנוּ עֲוֹנֹת רִאשֹׁנִים, דאס וואס איז געווען א עון פאר די פריערדיגע דור, ווייל כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד, אונזער דור איז שוואכער, עכ"ד (צמח דוד)

# מדור העובדות

## הגאון ר' יוסף שאול נאטאנזאן זצ"ל ווערט נתקרב צו הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן זצוק"ל

דער גרויסער גאון ר' יוסף שאול נאטאנזאן איז געבוירן אין גאליציא שנת תק"ע און אין שנת תרי"ז איז ער געווארן רב אין לעמבערג ער איז באוואוסט אלץ דער בעל שואל ומשיב אבער ער האט געשריבן זייער אסאך ספרים וואס זיי זענען נאך נישט געדרוקט, עס איז דא דברי שאול על התורה און אגדות הש"ס, ידות נדרים, מגן גיבורים אויף או"ח און יד שאול, ער האט געלערנט מיט זיין שוואגער הגאון ר' מרדכי זאב איטינגא יארן לאנג. און זיי ביידע האבן מחבר געווען דער באוואוסטע ספר ים התלמוד אויף מס' ב"ק וואס אלע ישיבות נוצן דאס. ער האט געגעבן מער פון 300 הסכמות אויף ספרים, ער האט ליידע נישט זוכה געווען צו קינדער וועלן מיר שטעלן א נר זכרון פאר דעם גרויסן גאון וואס איז נסתלק געווארן כ"ה אדר א תרל"ה. איז געווען באוואוסט אלץ דער לעמבערגער רב.

לעמבערג איז געווען נאנט צום שטאט פרימישלאן וואו הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן איז געווען דארט רבי. ער איז אין אנהייב געווען א שטארקער מתנגד צו די חסידישע רבי'ס ווייל ער האט געהערט אז זיי לערנען נישט. אבער איינמאל איז אויס געקומען ער זאל זיך טרעפן מיט הרה"ק ר' מאיר'ל מפרימישלאן! דער לעמבערגער רב האט מען אמאהל גערופן צו זיין א סנדק לעבן פרימישלאן און ער האט דאס אנגענומען. עס איז געווען א קאלטע ווינטער נאכט, און ער האט גענומען א בעל עגלה זאל איהם פירן. מען האט געדארפט דורך פארן פרימישלאן און דער לעמבערגער רב האט נישט געוואלט אז מען זאל וויסן אז ער פארט דורך פרימישלאן ווייל מען וועט גיין זאגן פאר ר' מאיר'ל אז ער איז געווען אין פרימישלאן און איז נישט אריין צו איהם און ר' מאיר'ל וועט האבן חלישת הדעת, דעריבער האט ער מחליט געווען אז ער וועט ארויספארן נאך האלבע נאכט אזוי וועט ער דורך פארן דעם שטאט פרימישלאן און קיינער וועט איהם נישט זעהן.

אבער דער אויבערשטער האט געוואלט אנדערש: זייענדיג א פראסט אינדרויסן האט דער בעל עגלה געזאגט ער מוז זיך אפשטעלן דא אין פרימישלאן ווייל ער איז קאלט און ער מוז זיך אנווארעמען אין א קרעטשמע און טרינקען אביסל ווארעמס. דער לעמבערגער רב ווערט אים שלעכט און בעט בתחנונים פארן בעל עגלה אז ער וועט אים צו צאלן אבי ער זאל זיך נישט אפשטעלן אין פרימישלאן. אבער א בעל עגלה איז א בעל עגלהאון די ווערטער פון רב איז געפאלן אויף טויבע אויערן און דער בעל עגלה האט נישט געפרעגט און ער האט זיך אפגעשטעלט.

דער רב האט נישט געוואוסט וואס צו טאן ווייל אפילו עס איז געווען פארטאגס האט דער רב נישט געוואלט אריינגיין אין קרעטשמע און איז נעבאך געבליבן אין וואגן אין די קעלט. צו זיין מזל איז פונקט אריבער געגאנגען א קבוצה חסידים צו גיין לערנען אין שול פארטאג'ס און האבן גזעהן דער לעמבערגער רב זיצן אין וואגן און האבן אים געגעבן שלום און האבן געפרעגט וואס ער טוט דא? האט ער געענטפערט אז ער האט א ברית אין א נאנטע שטאט, און געמוזט דורכפארן פרימישלאן! און זיי האבן איהם אפגעלאזט. דערווייל האט דער לעמבערגער רב געטראכט אז די חסידים וועלן זיכער דערציילן פאר ר' מאיר'ל אז ער איז געווען אין פרימישלאן און איז נישט אריין צו אים און ער וועט האבן חלישת הדעת. האט ער מחליט געווען ער וועט גיין צו ר' מאיר'ל אין שטוב און זען אויב ער איז אויף און ער לערנט וועט ער אריין גיין און אים געבן שלום און אויב נישט וועט ער אוועק גיין!

דער לעמבערגער רב עפנט די טיר פון שטוב און זעהט ווי ר' מאיר'ל דרייט זיך אהין און צוריק פאר'דביקות אבער ער לערנט נישט און ער וויל שנעל אוועקגיין פון שטוב, ווען ער הערט א געשריי "לעמבערגער רב! מאיר'ל וויל דיר פרעגן א פשט אין א גמרא!" דער לעמבערגער רב האט נישט געהאט א ברירה און איז צוריק געגאנגען. און ר' מאיר'ל פרעגט: עס שטייט אין גמרא (ברכות דף י"ט) אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה ביום אל תהרהר אחריו בלילה. אויב דו האסט געזעהן א תלמיד חכם וואס ער האט עובר געווען א עבירה בייטאג זאלסטו נישט טראכטן אז ער האט נישט תשובה געטאן, נאר שמא עשה תשובה טראכט אפשר האט ער תשובה געטאן און נאכדעם זאגט די גמ' דו זאלסט טראכטן אז ער האט א וודאי תשובה געטאן.




זאגט אים ר' מאיר'ל "מיר איז אייביג געווען שווער ביי וועלכע תלמיד חכם קען דאס זיין? אויב רעדט מען פון א אמת'ע תלמיד חכם און א ירא שמים ווי קען דאס זיין אז ער האט געטאן א עבירה בפהרסיא? און אויב מען רעדט פון א תלמיד חכם וואס איז נישט א ירא שמים איז מהיכי תיתי אז ער האט תשובה געטאן ער האט דאך נישט קיין יראת שמים?" דער לעמבערגער רב איז געבליבן שטיל און זאגט: "רבי ענטפערט אירו!"

ענטפערט ר' מאיר'ל דאס מיינט, אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה, וואס איז די עבירה? דו האסט געזעהן אז ער לערנט נישט תורה, און באמת ביטול תורה איז א הארבע עבירה, אויף דעם זאגט די גמרא: אל תהרהר אחריו, שמא עשה תשובה, טראכט דאס נישט פאר א עבירה ווייל אין די צייט וואס דו האסט אים געזעהן זיך דרייען, שמא עשה תשובה, איז ווייל ער טוט דעמאלטס תשובה פאר זיין לערנען כדי ער זאל לערנען בקדושה ובטהרה, און אזוי האט מען געלערנט ביים הייליגן רבין ר' יעקב יצחק דער חוזה מלובלין, וואס פארן לערנען האט ער געזאגט דער פסוק (תהלים נ' ט"ז) ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי, אויב א מענטש איז א רשע ווייל נישט דער אויבערשטער זיין תורה, איז ווי קען מען זיצן און לערנען אן תשובה? און האט תשובה געטאן לויט זיין מדריגה. און דאס פירט אויס די גמרא, זאג נישט שמא עשה תשובה, נאר וודאי עשה תשובה א ת"ח ירא שמים טוט זיכער תשובה פאר ער זעצט זיך לערנען.

דער לעמבערגער רב האט שוין פארשטאנען די כוונה פון רבין און האט געזען דעם גרויסקייט פון ר' מאיר'ל אז ר' מאיר'ל האט געליינט זיין מחשבה און האט אידם יעצט געגעבן שלום און האט איהם איבערגעבעטן אויף וואס ער האט געטראכט אויף איהם. זיי האבן געבליבן און געשמוסט זייער פריינדליך. און פון דעמאלטס אן איז דער לעמבערגער רב געווארן נאנט צו ר' מאיר'ל און צו חסידות בפרט.

פנקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' הענקין שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמורי"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפיל זיי באקומען און ווען וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גוע אדמור"י צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, תהלים פון הרה"ק ר' שלום שניצלער מטשאבא $1000 ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך ביידע פאר $8500, סעט מליצי אש $300, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות בן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000 סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, עת לעשות דפוס ראשון, ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 א מטבע לכבוד די חתם סופר $500, און $300 א מטבע לכבוד דער ליובאוויטשער רבי $100 א בול-סטעמפ - לכבוד חתם סופר $50 קינות לתשעה באב דפוס זיטאמיר $1800 קומט אריין און איבערציינגט זיך.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -ועל ידי השלום ואהבת ישראל יתהפכו הימים האלו לימי ששון ושמחה ולי"ום טוב בביאת המשיח ובנין בית המקדש השלישי אמן**